די פּאַפּיראָסן - הענדלער

# THE CIGARETTE VENDORS

A Children's Play in Yiddish

by

David G. Roskies

א קינדערשפּיל

פון דוד-הירש ראָסקעס

based on the book

<u>Di papirosn-hendler fun plats dray kraytsn</u>

by

Yosef Ziemian

## Characters (in order of appearance)

Children:

Yisrolik/ Bolush- the youngest (can be played by a girl)

Yosl / Kulas

Chanele / Halinke- his sister

Wladek- Polish cigarette vendor

Berl / Bitshek- the oldest

Adults:

Yosl's Mother

Soldier / Blackmailer

Babtshe- old Polish woman

Crazy Daughter- adolescent

Narrator- member of Jewish underground

Dancers

Act I: The Warsaw Ghetto and the "Aryan" side, 1942

Act II: The "Aryan" side of Warsaw, after the liquidation of the Ghetto, Autumn, 1943

Act III: Several months later.

# די פאפיראסן - הענדלער

Scene I Act I: Takes place in the Ghetto and on the "Aryan" side, 1942. As audience enters, they find YISROLIK sleeping center stage, covered with rags. Play begins with the music of "KH'HEYS YISROLIK" in background. YISROLIK wakes up and begins singing the words and begging. DANCERS wearing yellow armbands begin moving around him as passers-by. Freeze. Fade out.

Scene 2 Lights up on stage left. MOTHER, YOSL and CHANELE sitting at an empty table. MOTHER with head in hands. YOSL depressed and CHANELE crying.

יאסל: מאמעשי, איך וועל גיין אויף דער ארישער זייט און ברענגען ברויט.

מאמע: ניין, ווי לאנג מיינע אויגן זענען אפן, וועל איך ניט דערלויבן אז מיין קינד זאל גיין בעטלען. אפילו איך זאל שטארבן פון הונגער.

Lights up on center stage. Yisrolik is gone. Dancers resume action but at a slower pace. One falls. Freeze.

יאסל: מאמעשי, לאז מיך גיין אויף דער ארישער זייט, וועל איך ברענגען קארטאפל.

מאמע: ניין, איך זאל אזוי לעבן. איך וויל ניט. זיי קאנען דיך דערהרגענען.

Dancers resume their movement. Two more dancers "die." Freeze. Yosl is now determined to leave the ghetto.

יאסל: מאמעשי, איך וועל אוועק אויף דער ארישער זייט און ברענגען א ביסל עסן.

Silence. Yosl gets up, goes over to MOTHER who gives him a few pennies, in silence. YOSL leaves. Blackout.

Helps the workers

Scene 3 Morning. DANCERS dressed in workers' caps. YOSL joins their ranks leaving the "ghetto." each worker is stopped at the "gate" for his papers. YOSL speaks by unnoticed. Once on the "Aryan side" he removes arm band and buys two loafs of bread. DANCERS are "working" all the while, digging ditches. Once the transaction is done, Dancers stop work, line up, and are joined by YOSL who secretly sells oneof his loafs to a DANCER.

Sneaks back into ghetto with them. Dancers disperse. YOSL returns to his "house." He rushes in, revives his mother, hands her the bread and returns the money.

מאַמע: מײַן טײַערער זון און פרנסה-געבער!

MOTHER embraces her son and all eat. YOSL looks exceptionally proud. Blackout.

Scene 4 Lights on center stage. A large sign of TYPHUS--EINTRITT VERBOTEN dominates the scene. DANCERS are lying on the ground, some motionless, some begging for help. An ATTENDANT wearing a white arm band carries away the "corpses." Scene continues as lights up on stage left. MOTHER crouched on the floor. Yosl is lying on top of the table. CHANELE surveys the scene. She, too is sick. She sneaks out of the "house" past the "Corpses" who reach out to her, and crawls thru a hole in the imaginary wall to the "Aryan side." Starts scrounging for food. Blackout on house and ghetto.

As Chanele wanders about desperately on the aryan side, Babtshe steps out of her house stage right. She is old and bedraggled and carries a bundle of keys on her belt. She begins sweeping the front of her house. As soon as Chanele catches sight of her, she starts from fight and begins to flee. Babtshe calls her back.

באבטשע: האב ניט קיין מורא, מיידעלע. איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָן. קום אריַין צו מיר אין שטוב. דארט וועסטו אָפּעסן בײַם טיש.

א מיידעלע בײַ שפּילן זיך מיט מיר. וויל שפּילן?
[illegible]

Chanele hesitates at first, but finally consents, overcome by her own hunger. The inside of the house is a mess. The Crazy Daughter is busy playing jacks on the floor. All the while, she doesn't look up from her game. Chanele sits down at a small table and the Babtshe brings her a bowl of something to eat. Chanele devours the contents of the bowl and the startled Babtshe crosses herself in fright. After the meal, Babtshe shows Chanele the ladder leading up to the attic. Chanele climbs up and goes right to sleep. Babtshe and Crazy Daughter sleep down below, on the floor. Lights dim on them but they remain visible during the "round-up."

Dim lights on the ghetto. POLICE, wearing NAZI armbands begin rounding up people by force. One Policeman breaks into Yosl's home, overturning table, chairs, dragging him and his Mother away. They join the Dancers stage center who are being beaten. Yosl manages to sneak away. Center stage is emptied.

Morning. Lights up on Babtshe's house. Chanele climbs down from the attic. Babtshe gives her a half loaf of bread. Crazy Daughter laughs. Chanele leaves and sneaks back into the ghetto the same way she left. Finds the streets deserted. She rushes home, sees what has happened, is too frantic even to cry and rushes off. Blackout.

Act II: takes place on the Aryan Side of Warsaw. Autumn, 1943.

Scene 1 Yisrolik, center stage. Hums "Yisrolik" to himself. Stage center ~~left~~ back is now a restaurant with a sign "NUR FUR DEUTSCHE".

Seated inside is one SOLDIER wearing Nazi armband. He is drinking coffee. Dancers, symbolically arranged as soldiers and Polish citizens walk through the streets.

German mardhing music is coming from stage left. As Yisrolik hums, he unconsciously begins stepping up the beat of his song until it, too, sounds like a marching tune. He begins goose-stepping up and down. Passers-by notice him, laugh and throw him money.

Soldier gets up from the table, sees Yisrolik doing his act and smiles. He calls to Yisrolik who goes over fearfully.

סאלדאט: קום אהער. דו ווילסט זיין א סאלדאט, הא? אט האסטו א
סאלדאטן-פייפל.

Soldier takes a whistle out of his pocket, blows it and hands it to Yisrolik who grabs the whistle and runs--right into Chanele.

The children stop dead in their tracks. They scrutinize each other. Once they have regained their composure they look around carefully to make sure no one is watching them. Move upstage.

חנהלע: דו ביסט פון אונדזעריקע. כ'דערקען דיך פון געטא.

ישראליק: יא.

חנהלע: ווי הייסטו?

ישראליק: באלוש. אין געטא האב איך געהייסן ישראליק.

חנהלע: איך הייס האלינקע. דו ביסט אליין?

ישראליק: יא.

חנהלע: טאטע-מאמע, משפחה?

ישראליק: (שאקלט זיין קאפ אויף ניין.)

חנהלעל: ווי לאנג ביסטו דא, אויף דער ארישער זייט?

ישראליק: דריי חדשים.

חנהלע: פון וואס לעבסטו?

ישראליק: איך בעטל און איך זינג.

חנהלע: צי האסטו ווו צו וווינען?

ישראליק: ניין, איך וווין אין די חורבות (כורוועס).

חנהלע: הער. איך האב יא אן ארט צום שלאפן, ביי אן אלטער פרוי ניט ווייט
פון דאנען. לאמיר זיך פאראייניקן '. דו נעם מיך מיט איך גאס
און איך וועל דיך שפעטער פירן צו דער באבטשען.

ישראליק: (שמייכלט קינדיש) גוט. פון זינט די געטא איז צעטיילט געווארן,
שלאף איך ניט אונטער א דאך. אפשר א יאר צייט. (לאכט) זע נאר,
כ'האב באקומען איצט א פייפל. דו נעם און פייף, און איך וועל
זינגען.

Yisrolik returns to the street with Chanele. Yisrolik begins his "routine" this time to Chanele's accompaniment. More money from the crowd. After a while, the street empties and they retire to stage right--to Babtshe's house. Chanele Knocks & admitted.

באבטשע: (דערזעט ישראליקן) ווער איז דאס? ווען ברענגסטו דא?

חנהלע: א חבר מיינער. א שול-חבר. ער מעג מיט אונדז בלייבן?

באבטשע: באצאלן קען ער?

חנהלע: יא.

Babtshe observes him carefully and finally lets them in. Crazy Daughter runs over to the ladder and stretches out her hand:

טאכטער: אויף פראשקעס צו קאפּווייטיק.

Chanele and Yisrolik each pay her and climb up the ladder. Crazy Daughter gives the money to Babtshe, then follows the children up. On the upper level the children become engrossed in a game of jacks. Blackout.

Scene 2 Lights on stage left and center. Stage left is now a communal kitchen. A large sign carrying the letters "R.G.C." hangs over the table. A gigantic pot rests on the table. Wladek is holding Yosl by the coat and yelling:

וולאַדעק: ייִדלאַק, גיב מיר אַוועק דײַן געלט!

יאָסל: כ'בין ניט קיין ייִד! לאָז מיך אָפּ!

וולאַדעק: אויב דו גיסט מיר ניט אָהער דאָס געלט, שלעפּ איך דיך גלײַך
צו פּאָליציי.

יאָסל: כ'האָב ניט קיין געלט! כ'בין ניט קיין ייִד! לאָז מיך אָפּ!

Wladek starts beating him up. In this instant Bitshek appears, surveys the scene, runs up to Wladek and throws him to the ground.

ביטשעק: 'עסט שלאָגן אַ שוואַכערן פֿאַר דיר, האַ? ממזר, כ'וועל דיר ווײַזן
ווער עלטער איז!

וולאַדעק: דו נעמסט זיך אָן פֿאַר אַ ייִדלאַק. ביסט אַליין מסתּמא אַ ייִד!
כ'רוף גלײַך די פּאָליציי!

ביטשעק: דײַן מאַמען וועסטו רופֿן, ניט קיין פּאָליציי.

Bitshek continues beating him and finally lets him escape. Yosl is still on the ground. Bitshek helps him up. Pause.

ביטשעק: כ'הייס ביטשעק. און דו?

Yosl is frightened. He answers quickly as if reciting a formula:

יאָסל: מײַן נאָמען איז סטאַשעק. איך בין אַנטלאָפֿן פֿון מײַן טאַטן אין
לוואָוו. דאָ בין איך אַ געהילף בײַם סטאָליער--

ביטשעק: (שמייכלט, רײַסט אים איבער) ביסט אוודאי הונגעריק. ווילסט
גיין מיט מיר עסן?

יאָסל: (פֿאַרשעמט, אין אַ פֿאַרלעגנהייט) כ'האָב ניט קיין געלט.

ביטשעק: ס'מאַכט ניט. איך קריג עסן אומזיסט. קום מיט מיר.

They walk over to stage left where a Woman wearing an apron is serving food to Dancers waiting in line. Bitshek takes two tin cans out of his coat pocket and hands one to Yosl. They get into line and each receives a portion of "soup." They sit down in a corner and eat ravenously.

ביטשעק: פֿאַר וואָס האָט יענער דיך געשלאָגן?

Yosl is silent. He doesn't know what to say. After a while:

יאָסל: ער האָט געמיינט אַז איך האָב געלט.

ביטשעק: פֿאַר וואָס האָט ער דיך גערופֿן אַ ייִד?

יאָסל: (דערשראָקן) כ'ווייס ניט...ער...ער איז משוגע...

ביטשעק: דו ביסט אָבער יאָ אַ ייִד.

Yosl jumps up and is about to run away when Bitshek whispers?

בישטעק: איך אויך.

Yosl stares at him in amazement. At first he is unwilling to believe but seeing Bitshek smile, he too breaks into a grin and sits down again.

יאסל: כ'וואלט קיין מאל ניט געגלייבט. דו זעסט אויס פונקט ווי איינער פון זיי.

ביטשעק: מיט דער צייט ווערט מען טאקע איינער פון זיי.

יאסל: ווי קומסטו אהער?

ביטשעק: איך האב זיך ארומגעדרייט ביי די ינדישע פלאַצ-ווקע-ארבעטערס. איך פלעג פאר זיי אײַנהאנדלען עסן.

יאסל: וואס איז געשען?

ביטשעק: מע האט זיי אלע אוועקגעפירט אויפן אומשלאַגפּלאַץ.

יאסל: איז ווי אזוי לעבסטו איצט?

ביטשעק: איך גיי איבער די הײַזער, נעכטיק אויף בוידעמס, אין קעלערס. איך גיב זיך ווי עס איז אן עצה.

יאסל: מיך טרײַבט מען פון אומעטום אוועק. הײַנט איז מיין ערשטער מאָלצײַט אין פיר טעג.

ביטשעק: קום מיט מיר. צוזאמען וועט אונדז לײַכטער זיין צו געפינען ארבעט.

They get up and exit left. Blackout.

Scene 3 Stage left reconverted into a restaurant. Several soldiers are now inside making merry. The same marching music as before. Dancers, all dressed as soldiers, walk through the street. Wladek is standing center back selling cigarettes. Bitshek and Yosl appear from stage left. Yosl sees Wladek and is taken aback, but Bitshek calms him down. They observe Wladek at work.

וולאדעק: ציגארעטן! "סוואַיאַקעס", "עגיפּסקע", "מעוועס"!

Bitshek hands Yosl four packs of cigarettes which he takes from his pocket and instructs him to stand in fromt of the "restaurant."

ביטשעק: פּרוּוו זיך אוועקשטעלן דארט.

Yosl obeys. As soon as he approaches, Wladek turnsoon him angrily:

וולאדעק: היי, וואס ווילסטו דא? האסט ווייניק גאסן? איך וועל דיר מאכן א פינצטערן סוף!

Yosl, frightened, looks back at Bitshek who appears beside him. Wladek backs off and continues selling further right. Bitshek, satisfied, moves upstage. At this point one Soldier steps out of the restaurant and is met by Yosl.

יאסל: ציגארעטן!

The soldier takes a bill from his pocket and buys all four packs. Yosl, elated, runs over to Bitshek.

יאסל: כ'האב פארקויפט אלע פּאפּיראסן!

Bitshek smiles.

ביטשעק: גיי צוריק אין געוועלב און קויף פארן געלט נאך פּאפּיראסן. און נעם א פּאר "ליפּעס" אויך.

Yosl runs off, stage left. Meanwhile Bitshek rummages around and finds some random pieces of wood and a stone. He takes some nails out of his pocket and starts constructing a vendor's box. Just as he finishes, Yosl arrives with the new cigarettes. Bitshek shows off his handiwork.

ביטשעק: זע נאָר וואס איך האב אליין געמאַכט.

Bitshek hands the box to Yosl.

ביטשעק:   בינד צו א בענדל, וועסטו עס קענען אָנהענגען אויף זיך.

יאסל:   פון וואַנען זאל איך נעמען א בענדל?

ביטשעק:   צי אראפ פון די הויזן.

יאסל:   ווער איך דאך פארלירן די הויזן!

ביטשעק:   (אומגעדולדיק) טאָ קאָמבינירן עפעס אויס!

Yosl takes the box and walks up and down the stage looking for a rope or string. When this fails, he turns to the audience and asks:

יאסל:   צי האט עמעצער א בענדל, א שנאַליק, אפילו א קראַוואַטע?

(A "plant" in the audience may be used.) When he procures one he runs over to Bitshek.

יאסל:   איך האב שוין, קוק!

And ties it around his neck. He puts the cigarettes in the box and starts calling out his wares, with more confidence than before.

יאסל:   ציגארעטן! "סוואָיאַקעס", "מעוועס"--פון אלע סארטן!

Scene 4   Same as before, minus Wladek. Fewer soldiers in the streets. Now Bitshek also carries a vendor's box and is stationed a few paces away from Yosl. Soldier walks by and both boys run over to him.

ביטשעק:   פאַניע, אפשר "עגיפּטישע"? וויפל, וויפל, פאַניע? דאס זענען
אָריגינעלע, פאַניע, און א גאנץ פעקל קאָסט בלויז 30 זלאָטעס.

סאלדאט:   צו טייער. יענער (ווײַזט אן אויף יאסלען) וויל בלויז 25.

ביטשעק:   פינף און צוואנציק? פאַניע, דאס זענען געפעלשטע. זיי זענען
ניט ווערט אפילו קיין צוואנציק!

Soldier buys a pack from Bitshek and exits. Yisrolik / Bolush enters from right singing the "military" version of his song. Bitshek and Yosl exchange glances as they recognize the tune. Bolush doesn't notice them. Both boys break into a smile. As Bolush starts doing his "act", the boys begin whistling "Yisrolik" in its original version. Bolush stops and turns around in amazement and fright. The boys go up to him in a carefree manner, each one taking him by the arm, and begin imitating his march. Bolush, thinking they are out to get him, tries to break away, but before he can, a whistle is heard and Chanele / Halinke runs in looking for her partner. All three boys turn around.

Yosl and Halinke are thunderstruck as they recognize each other. Halinke almost calls out "Yosl", but stops herself after the first syllable. They rush into each other's arms. Passers-by take notice. Bolush is lost. Only Bitshek takes stock of the situation and leads them aside.

יאסל:   חנהלע, דו לעבסט!

האלינקע: יאסל, כ'האב געמיינט די דײַטשן האבן דיך געכאַפּט. ווו איז די מאמע?

יאסל:   אוועק.

האלינקע: און דו, ווי האסטו זיך געראטעוועט?

יאסל:   כ'בין אַנטלאָפן פונעם אומשלאַגפלאַץ. זיך אויסבאַהאַלטן אין געטא.

האַלינקע: ביסט שוין לאנג דאָ אויף דער זײַט?

יאסל: זינט דעם אויפֿשטאַנד.

באלוש: ווער ביסטו?

יאסל: חנהלעס ברודער.

ביטשעק: און ווער ביסטו, סאָלאָווייטשיק?

(קינדער לאכן.)

באלוש: באלוש הייס איך. כ'האב א מאל געהייסן ישראליק.

יאסל: א קאָמישער נאמען--באלוש.

באלוש: (באליידיקט) פאר וואס עפעס? דיין נאמען איז א שענערער?

יאסל: איך הייס יאסל.

ביטשעק: דאַ קענסטו אזוי ניט הייסן. מיר דארפן אלע האבן צונעמען.

amused

האַלינקע: איך רוף זיך שוין האלינקע.

באלוש: און דיין ברודער דארף הייסן "קולאס." יא, "קולאס" ווייל ער האט אזוינע הילצערנע פיס.

(קינדער לאכן.)

האַלינקע: הערט זיך איין. באלוש און איך וווינען בײַ אן אלטער פרוי. לאמיר אלע גיין צו איר נעכטיקן.

ביטשעק: א וואַזשנער געדאנק!

יאסל: לאמיר גיין!

goose step off under Yisrolik's direction

The children walk off gaily in the direction of Babtshe's house. Halinke knocks and is admitted by the Crazy Daughter

טאכטער: זע נאר, זע! א גאנצע שטײַג מיט נ הינער! (צעלאכט זיך) וואס איז, זיך פֿאַרבענקט נאך דער הוך?

Daughter lets them in. Babtshe appears and throws up her hands in despair:

באַבטשע: וואס ווילט איר פון מײַן לעבן? ווער האט עס פלאַץ פאר אזוי פיל בעטלערס?

האַלינקע: (בעטנדיק) באבטשע, דאס זענען מײַנע פרײַנד. זיי וועלן ניט פֿאַרנעמען קיין סך פלאץ.

באלוש: מיר וועלן האלטן ריין, פונקט ווי פֿריִער.

האַלינקע: מיר צאָלן אלע צו איין זלאטע. צוזאמען מאכט אויס פיר זלאטעס א טאג. פיר זלאָטעס!

Babtshe relents. Halinke leads the way to the attic. The crazy daughter collects from each of them, as before. The four children climb upstairs. They sit down in a circle whispering to each other excitedly and giggling. The "theme" music of "Yisrolik" is heard in the background. Gradual fade out.

INTERMISSION

Act III: "Aryan" Side. Winter, 1943.

Scene 1: "R.G.O." communal kitchen set up, stage left. Seated at a small side table is the Narrator dressed in a heavy coat. He is eating bread and soup. Several Dancers, dressed for winter, wait in line for soup. As lights come up, Bitshek enters the kitchen and gets into line. Narrator looks up and notices Bitshek, whom he

recognizes. Their glances meet for a second. Bitshek gets his food and sits down on the floor, not far from Narrator's table. Again their glances meet, this time for several moments. It is clear that Bitshek recognizes the Narrator as well. Narrator finishes eating quickly, gets up and with a nod of his head, motions Bitshek to follow. Bitshek gobbles down the remainder of his soup and follows him carefully. He comes up behind Narrator and asks:

ביטשעק: זייַט מוחל, צי האט איר ניט א מאָל געארבעט אויף דער פלאַצוווקע "אָסטבאַן"?

נאראטאר: און דו האסט געאַרבעט אויף דער "אָסטבאן"?

Bitshek nods his head.

ביטשעק: וואס טוט איר דא? ווו. וווינט איר?

נאראטאר: (איך א פארלעגנהייט) איך וווין אין חורבֿות. איך גיב זיך אן עצה.

Narrator puts on a sorrowful expression. Although he is trying to befriend the boy, his secret work does not allow him to reveal anything about himself.

ביטשעק: אויב איר ווילט, קענט איר שלאָפן מיט אונדז, ביי א פוילישער פרוי.

Narrator is visibly surprised.

נאראטאר: ווער איז דאס דער "אונדז"?

ביטשעק: מיר זענען פיר. מיר האנדלען אויפן פלאץ פון די דרייַ קרייַצן. מיר האלטן זיך צוזאמען און מיר "לאָזן זיך ניט".

נאראטאר: ווי באַהאַלט איר אויס אז איר זייט יידן?

ביטשעק: ניט אלע מאל געראָט אונדז. א מאָל הייבן מיט אונדז אָן די פוילישע יינגלעך. זיי הייסן אונדז ווייַזן דאָקומענטן. דאַן גייען מיר מיט כוח.

נאראטאר: הער, הייַנט קען איך צו אייך ניט קומען. אפשר טרעפט מען זיך מאָרגן אויפן פלאץ?

ביטשעק: גוט, מארגן פיר א זייגער.

They part company, each in different directions. Blackout.

Scene 2: Stage left a restaurant again. Military music, lots of movement and noise. Several Dancers, goose-stepping in formation, cross the stage. Wladek and Children all stationed at different places, calling out their wares:

באלוש: פאפיראָסן! פאפיראסן!

האלינקע: "סוראָיאַק", "סוראיאק"--אויפן שטיק און אויף פאק!

וולאדעק: "עגיפסקע," "מעוועס"--פון אלע סאָרטן.

קולאס: ציגארעטן! ציגארעטן! קויפט מיינע ציגארעטן!

Narrator enters and see Bitshek closest to him. They move upstage to talk. All this while the Children are selling their wares to passing soldiers.

ביטשעק: איר זייַט געקומען פונקט צו דער צייט.

נאראטאר: (קוקט זיך ארום) אט די קינדער געהערן צו דייַן באנדע?

ביטשעק: ניט אלע. אט דער וואס שטייט דאָרט (ווייזט אן אויף וולאדעקן) איז א פּאַלאַק. ער מאכט אונדז אָן כסדרדיקע צרות. יענער, דער קליינטשינקער (ווייזט אן אויף באלושן) איז א יתום נאך פון

איין און פערציקסטן יאר. און יענע צוויי (ווייזט אן אויף קולאסן און האלינקען) זענען ברודער און שוועסטער. זיי האבן זיך צופעליק באַגעגנט דאָ אויפן פלאַץ.

SOLDIER is examining HALINKE'S merchandise and asks:

סאלדאט: וואָסערע האט איר?

האלינקע: (אויף גיך) סוואיאַקעס, מעוועס, עגיפּסקע--וואס איר ווילט.

SOLDIER picks up one pack.

סאלדאט: דאס איז טינוף. האסט עפּעס גוטס?

האלינקע: פאר וואס ניט? די ביליקע זענען ערזאַץ. אפשר דאס פּעקל?

HALINKE hands him another pack which he examines carefully and smells.

סאלדאט: אָ, זעסט? די זענען טאקע מאַנאַפּאַל-פּאפּיראסן. איך בין א מבֿין.

SOLDIER puts the pack in his pocket.

סאלדאט: וויפל צאָל איך?

האלינקע: דרײַ צענערלעך.

סאלדאט: פאר וואס אזוי טײַער?

האלינקע: ביליקער קאן איך ניט. איר ווילט מאַנאָפּאָלקעס, טאָ באַצאָלט.

SOLDIER pays and leaves. HALINKE spits into the banknote for good luck and puts it away in her pocket. BOLUSH comes up to her smiling. HALINKE bursts out laughing.

האלינקע: האב איך עס געפּאַקט א פּרײַער! אז ער האט ניט קיין שׂכל, טאָ זאל ער צאָלן. א שאָד נאר וואס כ'האב ניט געזאגט פינף און דרײַסיק. יענער (ווייזט אן אויף וולאדעקן) טוט אויך אזוי.

באלוש: דו היט זיך, ער קען נאך צוריקקומען.

האלינקע: וואס? נאכן אוועקגיין פון דער קאַסע, גיט מען ניט צוריק קיין געלט.

NARRATOR, who has been watching the entire transaction, now goes over to the CHILDREN himself and buys a pack of cigarettes from BOLUSH.

נאראטאר: צי איז אײַך ניט קאלט אָן מאנטלען?

באלוש: אונדז איז זייער וואַרעם.

BOLUSH and HALINKE exchange glances, suspiciously.

נאראטאר: (צו באלושן) ווי אַלט ביסטו?

BOLUSH's suspicions are now definitely aroused. He looks up at NARRATOR and then around him, for an escape route. Long, uncomfortable pause. HALINKE interrupts sharply.

האלינקע: וואס גייט דאס אייך אָן?

The situation is saved by BITSHEK's approach. He smiles ironically.

ביטשעק: נו וואס? זיי וויל מיט אייך ניט דברן (דאַבערן). (צו באלושן) האב ניט קיין מורא, באלוש, דאס איז אן אונדזעריקער.

The CHILDREN RELAX and start asking NARRATOR questions excitedly.

האלינקע: ווער זייט איר?

באלוש: פון וואס לעבט איר?

ביטשעק: ווו. האט איר געגנעכטיקט?

האַלינקע: צי האט זיך עמעצער פון אייַער משפּחה געראַטעוועט פון געטאָ?

נאַראַטאָר: ליידער האט זיך קיינער פון מיין משפּחה ניט געראַטעוועט.

באַלוש: אויך מיר זענען אַליין.

A SOLDIER appears and crosses the stage in their direction.

האַלינקע: בישטעק, עמעצער קומט!

CHILDREN take up their positions quickly. SOLDIER passes them without stopping to buy. CHILDREN again crowd around NARRATOR.

נאַראַטאָר: וואָס איז דאָס פאַר א "ביטשעק"?

ביטשעק: אַזוי רופט מען מיך אויפן פּלאַץ. מיין אמתער נאָמען איז בערל. ביי אונדז האָבן אַלע צונעמען.

האַלינקע: מיר מוזן שוין גיין. דאָ איז סיי ווי סיי ניט קיין אָרט צום רעדן.

נאַראַטאָר: גוט, מיר וועלן זיך זען דאָ מאָרגן אין דער זעלבער צייט.

NARRATOR leaves. CHILDREN pack up their goods and walk off in the other direction. Blackout.

Scene 3: At BABTSHE's. CHILDREN sitting downstairs playing jacks with CRAZY DAUGHTER. BOLUSH gets up from the game, and with his back to the audience, starts peeing into a bowl on the floor. Just at this moment, BABTSHE comes in, sees him and shouts.

Play scene
much dialogue

באַבטשע: אָ מאַניע, זע נאָר! דער איז דאָך א זשידעק!

BOLUSH shakes hih head violently.

באַבטשע: טאָ ווייַז, ווען דו זאָגסט אַז ניט.

BOLUSH refuses, pretending to be embarassed.

באַבטשע: אַהאַ, איר זענט מסתמא אַלע ייִדעלעך!! טראָגט זיך אַרויס! אָבער שוין די מינוט! צוליב אייַך וועט מען נאָך מיך דערהרגענען.

Nobody moves. CRAZY DAUGHTER continues her game as if nothing were happening.

באַבטשע: טראָגט זיך אַרויס פון דאַנען. איר האָט מיך אָפּגענאַרט. איר האָט באַלד געדאַרפט זאָגן, אַז איר זייַט ייִדן!

האַלינקע: (בעטנדיק) באַבטשע, מיר האָבן ניט וווּהין צו גיין.

באַבטשע: דאָס גייט מיך ניט אָן. אַרויס פון דאַנען!

קולאַס: מיר האָבן אייַך ניט געוואָלט אָפּנאַרן. די באַבטשע וואָלט דאָך אונדז ניט אַרייַנגעלאָזט ווען זי ~~דואלט געווסט~~ ווער מיר זענען.

ביטשעק: (שטיל) שטופּט איר אַריין א פּאָר זלאָטעס אין יד (יאַד) אַריין, וועט זי זיך באַרויִקן.

KULAS puts a bill into BABTSHE's apron pocket. BABTSHE turns her back on the Children, takes out the banknote and examines it. She shakes her head, but speaks in a milder tone.

באַבטשע: ניין, גייט וווּהין איר ווילט, איך וויל אייַך דאָ ניט האַלטן. עמעצער קאָן מיך נאָך מסרן.

קולאַס: באַבטשע, קיינער וועט ניט זאָגן. און אויב עמעצער וועט זאָגן וואָס מ'דאַרף ניט, וועט מען אים אויסענדיקן.

KULAS demonstrates by running his forefinger across his throat. In fact, he is amazed at his own self-confidence. BABSTHE looks at them in surprise.

באבטשע: וואס הייסט דאס "אויסענדיקן"?

ביטשעק: יא, באבטשע, ייִדן מיט רעוואָלווערן גייען ארום אין שטאָט און ענדיקן אויס יעדן איינעם וואס מסרט. זיי האבן אפילו קוילן-וואַרפערס!

באבטשע: טײַערער קינדער, איך קאָן ניט, איך האב מורא.

ביטשעק: (מיט זיכערקייט) מיר וועלן געבן צו פינף זלאָטעס פון א קאָפּ.

באבטשע: (מורמלענדיק) צו פינף זלאטעס, צו פינף זלאטעס.

BABTSHE turns to her Daughter who is still playing jacks.

באבטשע: זיי גיבן פינף זלאטעס פון א קאפ.

CRAZY DAUGHTER shouts back in fright:

טאָכטער: ווער?

Somehow she figures it out by herself and runs over to the ladder. She sticks out her hand and looks suspiciously at the CHILDREN. Calls to BOLUSH first, who is nearest.

טאָכטער: נו, צו זלאָטע אויף פּראָשקעס.

BOLUSH hands her a single banknote and scrambles up the ladder. All the CHILDREN do likewise. BABTSHE realizes what has happened and begins yelling:

באבטשע: נו, וואָס איז דאס? און פאַר מיר ווו. איז דאס געלט? קריכט אַראָפּ די מינוט!

BISHEK collects the remainder of the money from each of the CHILDREN and carried it down to BABTSHE. She counts the money and hides it in her bosom. Her voice is now full of pity.

באבטשע: לייגט זיך שלאָפן, שלימזלען, און מאַכט ניט קיין טומל, קיינער זאל ניט הערן. מײַן גאָט...מיין גאט...

BABTSHE kneels on the floor, crosses herself and begins to pray silently. Blackout.

Scene 4: "Platz" scene. Only a few soldiers on scene. All the CHILDREN are busy selling. WLADEK comes up on KULAS from behind, grabs all his cigarettes with one hand and holds him with the other.

װלאַדעק: אויב וועסט שרײַען, וועל איך אלעמען דערציילן אז דו ביסט א ייִד!

WLADEK lets him go and KULAS runs across the stage to BITSHEK.

קולאַס: װלאַדעק האט צוגענומען אלע מײַנע פאפיראסן!

ביטשעק: נעם זיי . צוריק!

קולאַס: איך קען ניט. ער זאגט, אז אויב כ'וועל שרײַען, וועט ער אלעמען דערציילן אז איך בין א ייִד.

ביטשעק: פון וואַנען ווייסט ער? האסט אים דערציילט?

קולאַס: ניין!

Bitshek and Kulas go over to Wladek who is looking very smug.

ביטשעק: גיב אַהער די פאפיראסן!

Wladek shakes his head with a wry smile.

ביטשעק: גיב זיי אהער, זאג איך דיר. אויב ניט וועל איך דיר די פיס איבערברעכן!

װלאַדעק: איך גיב גאָרניט אָפּ. יענער איז אַ ייִד.

קולאַס: כ׳בין ניט!

װלאַדעק: װײַז דאָקומענטן.

Bitshek knocks Wladek down. Wladek starts screaming.

װלאַדעק: פּאָליציי! דײַ זענען ייִדן! ייִדן!

Soldiers start coming to the scene. As soon as Bitshek notices, he calls out.

ביטשעק: חבֿרה, צו דער באַבטשען! דו, קולאַס--פֿאַרשװינד ביז שפּעט בײַ נאַכט!

Bitshek lets go of his victim and all the Children run off in different directions.

Scene 5 Babtshe's house. Dark. Bitshek, Halinke and Bolush are asleep upstairs. Daughter asleep downstairs and Babtshe is sitting at the table, eating. Blackmailer, elegantly dressed, approaches with his companion (one of the Dancers). Blackmailer knocks on the door very loudly twice, then kicks it with his foot.

שמאַלצאָװניק: עפֿנען! פּאָליציי!

Babtshe jumps up. Children awake immediately and find a hiding place in the attic. Babtshe opens the door and the Men enter quickly.

שמאַלצאָװניק: (מיט אַ געשריי) איר באַהאַלט דאָ ייִדלאַקעס!!

באַבטשע: ניין, ס׳איז ניט אמת. אַ חוץ מײַן טאָכטער װױנט דאָ קיינער ניט.

שמאַלצאָװניק: מיר װײסן אַלץ. מענטשן האָבן געזען.

באַבטשע: אָבער װאָס װילט איר פֿון מיר?

שמאַלצאָװניק: איר נעמט פֿון זיי אַ סך געלט. מאַכט זיך ניט געפּגרט (געפּײַגערט).
מיר װילן אױך לעבן. (קוקט זיך אַרום) מאַכן אַ רעװיזיע!

Blackmailer and Companion turn the place inside out. Blackmailer climbs up the ladder and looks around carefully. Should be played for suspense. Blackmailer climbs back down.

שמאַלצאָװניק: מיר װעלן נאָך צוריקקומען!

The men leave. The Children come out from hiding, climb down and embrace Babtshe. Meanwhile, as they cross the stage, the Men meet Kulas coming home.

שמאַלצאָװניק: קום נאָר אַהער!

Kulas walks over to them, fearfully.

שמאַלצאָװניק: מיר װײסן אַז דו ביסט אַ ייִד. האָב ניט קיין מורא, מיר װעלן
דיר גאָרניט טאָן. דו דאַרפֿסט אונדז נאָר זאָגן װוּ עס װױנען ייִדן.

Kulas makes a run for it and the Men chase after. A "chase scene" ensues throughout the entire theatre, in and out off the aisles. Kulas hides somewhere in the audience and the Men go right by him. They return to the stage, [illegible] give up and exit. Kulas carefully returns to the stage, knocks on Babtshe's door and is admitted by the grateful Children. Kulas, breathing heavily, tells them what happened.

קולאס: צוויי שמאלצאווניקעס האבן מיך געכאפט אויף דער גאס. געוואלט איך אויסגעבן ווו. ייִדן וווינען. כ'בין אנטלאפן, און זיי--נאך מיר. כ'האב זיך קוים געראטעוועט.

האלינקע: מיר האבן אויך אראפגעשלונגען ניט ווייניק שרעק.

באבטשע: אנטלויפט, קינדער, אנטלויפט, זיי קאנען נאך צוריקקומען אהער!

Children go into a corner and whisper among themselves. Bitshek steps out to speak for the group.

ביטשעק: יא, מארגן אין דער פרי מוזן מיר אנטלויפן.

באלוש: דערווייל, לאמיר זיך לייגן שלאפן. כ'בין אזוי שרעקלעך מיד.

Children climb upstairs and go to sleep. Blackout.

4 AM. Nobody around wake each other up

Scene 6 Communal kitchen "K.G.O." Narrator is sitting in his previous spot, eating. Children come running. Only Halinke enters and motions for him to come out. Narrator packs up the rest of his food and goes over to the Children who crowd around him.

tiptoe out

האלינקע: נעכטן זענען געקומען צו אונדז צוויי שמאלצאווניקעס. דורך א נס האבן זיי אונדז ניט געפונען.

Narrator is visibly concerned.

נאראטאר: ווי האבן זיי זיך דערוווּסט וועגן אייך?

ביטשעק: מיר ווייסן ניט.

קולאס: און פריִער האט מיר וולאדעק צוגענומען מיינע פאפיראסן אויפן פלאץ און געהייסן מיר ווייזן דאקומענטן.

ביטשעק: מיר מוזן האבן דאקומענטן! א ניט זענען מיר פארפאלן!

נאראטאר: איך האב פריינד...מע קען באקומען...ניט אלע אויף א מאל...

ביטשעק: מיר קענען אבער ניטווארטן. צו דער באבטשען קענען מיר שוין ניט צוריקקומען.

באלוש: (בעטנדיק) מיר האבן ניט ווו. צו שלאפן!

נאראטאר: הערט וואס כ'וועל אייך זאגן. איך גיב אייך 500 זלאטעס צו צאלן דער באבטשען פאר דער הייַנטיקער נאכט. מארגן וועל איך שוין האבן פאר אייך א סך מער געלט. ביז מארגן וועל איך קענען געפינען פאר אייך א פראוויזארישע היים. אפשר גאר אין דער יתומים-הויז... מ'וועט זען...

ביטשעק: אבער די דאקומענטן!

נאראטאר: האב געדולד. דאקומענטן וועלן זייַן...מיט דער צייַט...אפשר איבער מארגן, אפשר אין א וואך ארום.

האלינקע: א וואך!

נאראטאר: קינדער, איר וועט ניט פארפאלן ווערן. גלייבט מיר. ווי באלד איר האט אייערע דאקומענטן, קענט איר ווידער האנדלען אויפן פלאץ. ביז יענער צייט מוזט איר זיך אויסבאהאלטן. נאט אייך דערווייל די 500 זלאטעס.

Narrator hands the money to Bitshek who shakes his hand almost in a business-like manner. Narrator smiles.

נאראטאר: גוט, מארגן אין דער צייַט וועלן מיר זיך ווידער טרעפן.

Narrator starts to leave. Stops and turns back.

נאראטאר: יא, שיר ניט פארגעסן. הייַנט איז די פערטע חנוכה-ליכטל. גוט יום-טוב אייך.

N

Narrator takes leave of them Children have regained their spirits.

קינדער: גוט יום-טוב!

Bitshek hands the money to Halinke.

ביטשעק: איך גיי איצט אין שטאט עפעס קויפן. איר גייט צוריק צו דער באַבטשען. נא דיר דאָס געלט.

Bitshek exits left. Children walk over to the right. They stand in front of Babtshe's house for a few moments, afraid to knock. Finally Halinke knocks. Babtshe opens the door.

באַבטשע: וואס ווילט איר ווידער פון מײַן לעבן?!

האַלינקע: מיר האבן ניט ווו צו שלאָפן. זאל אונדז די באבטשע אַרײַנלאָזן איין נאכט.

באַלוש: ס'איז מיר קאַלט!

Bolush cups his hands and blows into them.

קולאַס: איך גיכן ווערט די מלחמה זיך ענדיקן.

באַלוש: ס'איז מיר קאלט!

באַבטשע: איך קען ניט. די מענער קענען חלילה צוריקקומען.

האַלינקע: (ערנצט) מיר וועלן געבן 500 זלאָטעס, בלויז אויף דער הײַנטיקער נאכט.

באַבטשע: וויפל?

האַלינקע: פינף הונדערט זלאטעס.

Babtshe is speechless; she lets them in without a word. Once inside, Halinke hands her the money which Babtshe hides in her bosom.

באַבטשע: קינדער, איר זאָלט מיר געזונט זײַן!

Children make their way to the attic. At this point Bitshek knocks and is admitted by Babtshe. He is carrying a bag. He climbs upstairs and pours out the contents of his bag on the floor: five potatoes and five candles.

ביטשעק: הײַנט איז דאך חנוכה, מוז מען צינדן חנוכה-ליכט!

The children laugh. They arrange the five candles in a row, each stuck in a (pre-punched) potatoe.

האַלינקע: באלוש, זינג אונדז א חנוכה-ליד.

Bolush is delighted. He stands up and sings.

באַלוש: דער ווינטער הערשט, אין דרויסן ערשט,
אונ שניי פֿאלט אַך א שיעור (שיר),
נאר דא אין היים איז פריילעך, רײַן,
אך קעלט פֿאַרגעסן מיר.

Bolush interprets the verse as he sings it. For the first line he pretends to be shivering from the cold. For the second, he shows the snow falling and for the last two he expresses warmth.

קינדער: צינדט קינדערלעך, די ליכטעלעך
פארגעסט זיי ניט קיין מאָל
גערענקט, געדענקט, פֿון יענער צייט
די העלדן פון א מאָל.

Now Kulas stands up and acts out the second verse to Bolush's singing.

באַלוש: יהודה העלד ארויס אין פֿעלד
דער זון פון חשמונאים (כאשמענויִם)
וואָס האט געזיגט און האט באַזיגט
די שׂונאים, די רשעים (רעשויִם).

Kulas takes a "He-Man" stance for the first two lines and fights off the "enemy" with his "sword" for the last two.

קינדער: צינדט קינדערלעך...

Now Halinke comes forward.

באלוש: און ווער עס וויל צום דריידל שפּיל,
איר ווייסט דאָך די סמנים (סימאָנים)
א "ש" איז שלעכט, א "ג"--רעכט,
ארויס מיט מזומנים (מיזומאָנים).

Halinke plays imaginary dreydl for the beginning of the stanza. At the word "shlekht" she makes a sour face and at "rekht"-- she smiles. Finally she pulls out "money" at the last line.

קינדער: צינדט קינדערלעך...

Children sit. Pausee. Bitshek lights the first candle and mumbles the blessing under his breath. The Children answer "Omeyn." He removes the candle from the potatoe and with it lights the next one, saying:

ביטשעק: א חנוכה-ליכטל פאר מײַנע טאטע-מאמע, פאר שרהלען און פאר פּעטער לייבל.

Bitshek hands the shames to Kulas who lights the second candle, saying:

קולאס: א חנוכה-ליכטל פארן טאטן, פאר דער מאמען, פאר מיינע צוויי צוויי שוועסטערס און דריי ברידער.

Kulas hands the shames to Halinke who lights the third saying,

האלינקע: א ליכטעלע פאר טאטע-מאמע, פאר פערעלען, פאר קלמן, פאר מאָטלען, פארביילען און פאר רבקהלען.

Halinke hands the shames to Bolush who lights the last candle saying,

באלוש: פאר טאטע-מאמע, זיידע-באָבע, פאר ברידער און שוועסטער, און פאר מײַן חבר בעניע.

Gradual Fade Out. Candles are left burning. Children leave. Lights go up. No curtain call.